בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

**~ אידיש ~**

קונטרס מ', שלח (בהעלותך בחו"ל), תשע"ט

# תוכן השיעור


'נאלמתי דומיה'

'כל זמן שתלמידו קיים'

'פי שנים ברוחו'

'צדיק עליון וצדיק תחתון'

'בראתי תורה תבלין'

'ביומוי דרבי שמעון'!

'בהאי חיבורא יפקון ביה מן גלותא'

'דאיתעביד חול בגינייהו'

'חבלי משיח'

בנו 'העובד' אותו

'קנקן חדש מלא ישן'

'רחל ולאה'

'המאור שבה יחזירנו למוטב'

'עד הגל הזה'

לבושין מ'רעותא דלבא'

תורת ה'רצון'

'עד שתחפץ'

'משה עומד בין שמד לרצון'

'עיר וקדיש'

'אוהב נאמן'

'בריתי שלום'


להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 40**


©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)


לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת אמור, תשל"ד

## ל"ג בעומר - בישיבת ברסלב ב"ב

(טייפ מס' 33#)

## 'נאלמתי דומיה'

עס ווערט געבראכט, דער רבי ברענגט עס,[א] אז דורך יעדע פגם וואס א מענטש טוהט, איז ער גורם "דם נדה להשכינה"! עס איז א לשון, מען קען עס נישט פארשטיין, אבער אזוי שטייט אין זוהר הקדוש!

ביי יעדע מצוה, וואס מיר זאגן "לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה", א 'יחוד קודשא בריך ושכינתיה' פארשטייען מיר אויך נישט, אבער אזוי שטייט אין זוהר הקדוש! אבער דורך א 'פגם' איז מען גורם "דם נדה להשכינה", קען דאך נישט זיין קיין יחוד!

זעהען מיר די געוואלדיגע זאך וואס דער פגם איז! נישט נאר א גרויסער פגם פון אן עבירה, ביי דעם פראסטן מענטשן איז עס ביי אן עבירה גמורה, און ביי דעם העכערן סארט מענטש אפילו נאר א קוק, א טראכט, א רעד, הייסט אלס א 'פגם'! איז מען דורך דעם אלעם גורם "דם נדה להשכינה", קען דאך נישט זיין קיין יחוד למעלה.

זאגט דער רבי, כל זמן ער האט נאכנישט פארראכטן דעם "תיקון הכללי", איז די 'שכינה' בבחינת "מדוע אדום ללבושך", ווייל ער איז גורם "דם נדה להשכינה", איז דער 'דיבור' אסור! טאר מען נישט רעדן אינגאנצן! "נאלמתי דומיה" 'דומיה' איז מלשון 'דם', צוליב די דמים איז 'נאלמתי', קען איך גארנישט רעדן![ב]

---

[א] ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ט אות ג': וְהָרְשָׁעִים בַּעֲווֹנוֹתֵיהֶם גּוֹרְמִין אַפְרָשׁוּתָא בֵּין קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, כִּי גּוֹרְמִין לָהּ דַּם נִדָּה ... וּלְפִי בְּחִינַת לֹא תַעֲשֶׂה שֶׁעוֹבְרִים, כֵּן מְעוֹרְרִים דַּם נִדָּה לְהַשְּׁכִינָה.

[ב] וז"ל שם אות ו': וְכָל זְמַן שֶׁלֹּא תִקֵּן תִּקּוּן הַכְּלָלִי, וְהַשְּׁכִינָה הִיא בִּבְחִינַת: "מַדּוּעַ אָדֹם לִלְבוּשֶׁךָ", בְּחִינַת דַּם נִדָּה, אֲזַי הַדִּבּוּר אָסוּר. בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים ל"ט): "נֶאֱלַמְתִּי דוּמִיָּה", שֶׁמֵּאֵלּוּ הַדָּמִים נַעֲשָׂה בִּבְחִינַת 'דוּמִיָּה'. כִּי עִקַּר הַדִּבּוּר תָּלוּי בְּתִקּוּן הַכְּלָלִי, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "וַיַּגֵּד לָכֶם אֶת בְּרִיתוֹ" כַּנַּ"ל.

דער עיקר עיקר דיבור איז תלוי אין תיקון הברית, "ויגד לכם - **את בריתו**", דורכ'ן 'ברית' דעמאלטס איז 'ויגד לכם', האט מען דיבורים.

*

**"בתר דשכיב רבי שמעון הוה אמר חד לחבריה אל תתן את פיך לחטיא את בשרך"**, די חבריא הקדושה האבן געזאגט איינער צום אנדערן: רבי שמעון איז שוין נישט דא, זאלסטו נישט רעדן![ג]

רבי שמעון איז געווען דער 'קשת הברית, 'ויגד לכם את בריתו', 'ויגד' איז מלשון 'גיד', 'כלליות הגידין', אז רבי שמעון איז געוועזן - איז געווען 'ויגד', האט מען געקענט רעדן, אבער אז רבי שמעון איז 'שכיב', **"וכשאין תיקון הכללי"**, איז דער דיבור אסור, **"בבחינת נאלמתי דומיה"**.

*

עס איז א געוואלדיגע קשיא דא, ווער קען זיך בארימען אז ער האלט ביי 'תיקון הכללי'? און אויך - ווי אזוי קען מען קומען צו תיקון הכללי - נאר דורכ'ן 'דיבור', אז מען לערנט אסאך, מען דאווענט אסאך, און דער דיבור איז אפגעהיט, דעמאלטס קען מען קומען צו 'תיקון הכללי', אבער אז דער דיבור איז אסור, קומט דאך אויס 'נפל פיתא בבירא', איז וואספארא עצה האט מען?

אז מען האט נאכנישט פארראכטן דעם 'תיקון הכללי' איז דער 'דיבור אסור', קען איך נישט רעדן, איך טאר נישט רעדן, דער רבי זאגט ווייטער **"לא תלך רכיל בעמיך"**, אז מען איז עובר אויפ'ן לאו פון **"לא תלך רכיל"**! איז ווי וועט ער קענען קומען צום תיקון הכללי?

[ג] וז"ל שם אות ו': וְזֶה בְּחִינַת: 'בָּתַר דִּשְׁכִיב רַבִּי שִׁמְעוֹן הֲוָה אָמַר חַד לְחַבְרֵהּ: אַל תִּתֵּן אֶת פִּיךָ לַחֲטִיא אֶת בְּשָׂרֶךָ', כִּי רַבִּי שִׁמְעוֹן הָיָה קֶשֶׁת הַבְּרִית, בְּחִינַת: "וַיַּגֵּד לָכֶם אֶת בְּרִיתוֹ", הַיְנוּ כְּלָלִיּוּת הַגִּידִין. וּכְשֶׁאֵין תִּקּוּן הַכְּלָלִי, אֲזַי הַדִּבּוּר אָסוּר, בִּבְחִינַת: 'נֶאֱלַמְתִּי דוּמִיָּה', בְּחִינַת: 'אַל תִּתֵּן אֶת פִּיךָ' כַּנַּ"ל. וּמִי שֶׁהוּא מְדַבֵּר אָז כְּשֶׁאֵין תִּקּוּן הַכְּלָלִי, הוּא עוֹבֵר עַל: "לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּךָ", וְהוּא "הוֹלֵךְ רָכִיל מְגַלֶּה סּוֹד". אֲבָל בְּיוֹמוֹי דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן, הֲוָה אָמַר חַד לְחַבְרֵהּ: 'פְּתַח פִּיךָ'. כִּי כְּשֶׁיֵּשׁ תִּקּוּן הַכְּלָלִי שֶׁהוּא קֶשֶׁת הַבְּרִית, אֲזַי הַדִּבּוּר מֻתָּר.

אז דער דיבור איז אסור, זיין תורה איז נישט קיין תורה, און זיין דיבור איז קיין דיבור, ער האט נישט קיין שום שלימות אין זיין דיבור, איז ווי וועט ער צוקומען?!

**אבל ביומוי דרבי שמעון הוה אמר חד לחבריה 'פתח פיך'**, 'ביומוי דרבי שמעון' מיינט מען אז דער 'קשת הברית' איז אזוי ווי ס'דארף צו זיין, איז דעמאלטס "עפן אויף דיין מויל, זיינע דיבורים זענען דיבורים", אבער "בתר דשכיב רבי שמעון" איז "אל תתן את פיך"!

איז א געוואלדיגע קשיא דא, ווי קען מען קומען צו פארערכטן דעם 'תיקון הברית' אָנעם 'דיבור'? דער עיקר תיקון הברית איז דאך נאר מרבה זיין בדיבורים, "**חם לבי בקרבי**" - איז נאר (די עצה) "**דברתי בלשוני**", רעדן אסאך, תורה, תפילה, רעדן דיבורים טובים![ד]

אז דער 'דיבור' איז גאר 'אסור', איך קען גארנישט רעדן אינגאנצן, דער 'דיבור' איז 'אסור', וואס זאל מען טוהן? (התירוץ יבואר להלן בהמשך השיחה).

*

# 'כל זמן שתלמידו קיים'

רבי נתן רעדט ארום אין א הלכה[ה], ער פרעגט א קשיא: עס שטייט אין די תורה, משה רבינו האט געזאגט, "**כי ידעתי אחרי מותי כי השחת תשחיתון**", און עס שטייט אין סוף יהושע, "**ויעבדו ישראל את ה' כל ימי יהושע וכל ימי הזקנים**", אז די אלע צייט וואס יהושע האט געלעבט איז קיין שום פגם נישט געווען, און אפילו די 'זקנים' אחר יהושע איז אויך נישט געווען קיין שום פגם! קומט דאך אויס, אז דא זאגט משה, "כי ידעתי אחרי מותי כי השחת תשחיתון", און מען זעהט דאך גאר פארקערט גאר? "כל ימי יהושע" און "כל ימי הזקנים אחר יהושע", איז געווען "ויעבדו את ה'", און ערשט נאכדעם האט זיך אנגעהויבן דער פגם פון עבודה זרה, שפעטער. קומט דאך אויס אז ס'שטייט פארקערט גאר?! דאס איז די גמרא'ס קשיא!

---

[ד] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ט אות ה'.

[ה] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' אות י"א.

ענטפערט די גמרא: אז מען לאזט איבער א 'תלמיד', הייסט נישט קיין 'מת', און 'משה' האט דאך איבערגעלאזט 'יהושע', הייסט נישט אז משה איז מת, אז מען לאזט איבער א תלמיד איז גלייך ווי דער רבי איז 'לא מת'! דאס איז די גמרא'ס תירוץ.[ו]

פארוואס טאקע איז אזוי - אז מען לאזט איבער א תלמיד איז גלייך ווי דער רבי לעבט?

און נאכמער, משה אליין איז דען קלענער ווי דער תלמיד? מה-דאך אז ווען 'משה אליין' לעבט איז דא 'פגמים', אז ס'איז נאר דא א 'תלמיד' פון משה - ס'איז 'כאילו לא מת', ס'איז גלייך ווי משה לעבט, אבער ווען משה אליין לעבט איז דאך יא געווען 'תשחיתון'?! אין מִדְבָּר איז כסדר געווען פגמים פגמים, אלס איז געווען 'וילונו' 'וילונו', און 'אחר משה' איז גארנישט געווען קיין שום פגם?! וואס איז אז ס'איז 'לא מת'? איז לא מת?! (- והלא גם בחייו בעצמו היה בחינת 'תשחיתון').

דאס אייגענע איז געווען וויטער ביי 'אליהו' און 'אלישע', אליהו הנביא איז געווען דער רבי, און אלישע איז געווען זיינער א תלמיד, האט געזאגט אליהו צו אלישע'ן, "**שאל מה אעשה לך**" וואס זאל איך דיר גיבן? בעט! וואס זאל איך דיר גיבן איידער איך גיי? האט ער געזאגט, "**ויהי נא פי שנים ברוחך אלי**", איך זאל האבן דעם כח צוויי מאל וויפיל דו האסט!

איז דאך א קשיא, א תלמיד זאל בעטן ביי א רבי'ן אז ער זאל האבן דעם כח 'צוויי מאל' וויפיל דו האסט?! ווי קען ער איהם געבן אז ער האט עס נישט?!

'וויפיל דו האסט דעם כח - זאל איך האבן צוויי מאל פון דיר דעם כח'! זאגט ער איהם "**הקשית לשאול**", האסט זייער א שווערע זאך געבעטן, נאר וואס דען? "**אם תראה אותי לוקח מאתך יהי' לך כן**", אז דו וועסט זיין ביי מיין הסתלקות וועסטו האבן דאס דאזיגע!

איז דאך אויך א געוואלדיגע קשיא, ווי קען זיין זיך אנבעטן ביים רבי'ן אז ער זאל האבן 'צוויי מאל' אזוי פיל? און נאכדעם זאגט די גמרא, אז ס'איז מקוים געווארן ביי אלישע - צוויי מאל אזוי פיל! ווי קען דאס אלס זיין? איז דער תלמיד גרעסער ווי דעם רבי'ן?

---

[ו] עי' רש"י דברים ל"א כ"ט.

*

# 'פי שנים ברוחו'

נאר ס'ווערט געבראכט אזוי: כל זמן משה האט געלעבט, האט משה נישט געקענט ארויסווייזן זיין גרויסקייט, און אזוי אויך דער תלמיד האט נישט אין זיך דאס שטארקקייט ארויסצורעדן דאס גרויסקייט פון משה כל זמן משה לעבט!

דער תלמיד קען נישט צושפרייטן דעם רבי'ן און מודיע זיין ווער דער רבי איז ווילאנג דער רבי אליין איז דא, ווייל דער 'מורא רבך' איז אזוי פיל גרויס! רעדן פונעם רבי'נס גרויסקייט קען ער אויך נישט, ווייל דער רבי לעבט, דער רבי אליין איז דא!

אבער לאחר הסתלקות פון משה, האט יהושע געעפענט זיין הייליג מויל, און מודיע געווען ווער משה איז געווען, ער האט מודיע געווען ווער משה איז געווען![ז]

קומט אוים אז משה איז געווארן נאך זיין הסתלקות גרעסער ווען דעם ווי בחייו! ווייל בשעת וואס משה האט געלעבט, האט יהושע געמוזט שווייגן, יהושע האט נישט געקענט רעדן פון 'גדולת משה', ווייל משה לעבט קען ער נישט רעדן! אבער אז משה איז נסתלק געווארן, האט יהושע געעפענט זיין מויל און ער האט מודיע געווען ווער משה איז!

דאס פארענטפערט די גמרא - אז אויב מ'לאזט איבער אזא מין תלמיד איז 'כאילו לא מת'! נישט פשט 'כאילו לא מת' אז ס'איז אזוי ווי 'בחייו', נאר נאך מער ווי 'בחייו', ווארום בחייו האט מען נישט געוואוסט פון איהם!

דאס אייגענע איז געווען בי אלישע אויך, אלישע נאכ'ן הסתלקות פון אליהו, האט אלישע מודיע געווען ווער אליהו איז געווען!

דער רבי זאגט טאקע,[ח] 'הכל בכוחו של רבו' - און ס'איז פארט גרעסער! די כח וואס אלישע האט געהאט לאחר הסתלקות פון אליהו איז געווען 'הכל בכוחו של רבו' - און פארט געווען גרעסער! און אזוי איז געווען ביי יהושע אויך!

---

[ז] עי' ליקוטי הלכות הל' שבת ה' אות י', ושם ז' אות כ"ו.

[ח] ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ו אות א'.

רבי נתן טייטשט אין די הלכה אזוי: "כי ידעתי אחרי מותי" - אז איר וועט מיינען אז ס'איז 'אחרי מותי', דעמאלטס וועט זיין "השחת תשחיתון", אבער כל זמן יהושע האט געלעבט, איז נישט געווען 'אחרי מותי', ווייל יהושע האט מודיע געווען אז משה איז דא! אז משה איז דא!

און אזוי בכל דור ודור! אז 'אתפשטותא דמשה' איז דאך 'בכל דרא ודרא'! און אז ס'איז דא דער תלמיד פון משה, און ער קען מודיע זיין אז ס'איז נישט קיין 'אחר מותו'! משה איז דא!

*

דאס אייגענע איז ביי רבי שמעון אויך געווען, 'בתר דשכיב רבי שמעון', נאכ'ן הסתלקות פון רבי שמעון'ען, אויב די תלמידים האבן געמיינט אז ר' שמעון איז שוין נפטר געווארן, ס'האט זיך שוין אויסגעלאזט דער זוהר הק', איז 'אל תתן את פיך לחטיא', זאלסטו נישט רעדן, אבער ס'איז געווען תלמידים וואס האבן מודיע געווען 'רבי שמעון איז דא'! רבי שמעון איז נישט נסתלק געווארן! האבן זיי געעפענט דאס מויל.

ווארום, נאכ'ן הסתלקות פון רבי שמעון בר יוחאי האבן די תלמידים נישט גערעדט? זיי האבן נישט גערעדט צווישן זיך דארטן? זיי האבן נישט איבערגע'חזר'ט? די אלע השגות האבן זיי נישט איבערגעלערנט?! ס'איז דאך דא זוהר נאכ'ן הסתלקות פון רבי שמעון אויך![ט]

פלעגט מען זאגן דעם תירוץ - רבי נתן ענטפערט דעם תירוץ - אז כל זמן די תלמידים זענען געווען, איז נישט געווען קיין 'שכיב רבי שמעון', רבי שמעון האט געלעבט, האט מען טאקע געקענט רעדן! אבער אז מען מיינט אז ס'איז 'שכיב רבי שמעון', דעמאלטס קען מען נישט רעדן!

*

---

[ט] עי' שיחות הר"ן אות רע"ח, ענין 'ובחיבורא קדמאה'.

# 'צדיק עליון וצדיק תחתון'

טאקע דאס גרויסקייט פון וואס עס ווערט געברענגט: אז ווען מען לערנט גמרא, צו וואס מען לערנט, זאל מען זיך אויסמאלן ווי דער תנא שטייט און הערט יעדע ווארט!

טאקע די גרויסע - די גדולים - די צדיקים - ביי זיי איז ממש אזוי געווען! אז זיי האבן געלערנט א מאמר פון א תנא איז נישט געווען ביי איהם קיין 'מת', נאר גלייך ווי דער תנא איז דא!

דער רבי ברענגט אין תורה י"ב,[י] 'וציית לקליה'! דער תנא איז ציית לקליה! דער רבי זאגט טאקע דארט אז ס'איז א 'בחינת נשיקין', ער קושט זיך מיטן תנא! ער ווערט 'נתדבק ברוח פיו של התנא'! מיטן רוח של פיו פון דעם וואס ער לערנט דעם מאמר!

עס שטייט דארט,[יא] "צדיקים ירשו ארץ", זאגט דער זוהר הקדוש, "צדיקים תרי משמע", 'ארץ' מיינט מען 'תורה שבעל פה', 'ארץ' איז 'שכינתא' - תורה שבעל פה, "צווי צדיקים" ירש'ענן 'תורה שבעל פה', ווער זענען די צוויי צדיקים? "דא צדיק עליון וצדיק תחתון", דער צדיק וואס האט מחדש געווען די תורה, און דער צדיק וואס ער לערנט עס!

ווארן מען מוז דאך האבן ביידע: דער וואס האט מחדש געווען, און דער וואס ער לערנט! איינער אליין איז דאך נישט דא קיין 'ירושה' (צדיקים 'ירשו' ארץ), 'ירושה' הייסט אז ס'גייט איבער מדור לדור, הייסט א ירושה, אבער טאמער לאזט זיך עס אויס, איז דאך נישט קיין ירושה! ווער מאכט א ירושה מען זאל ירש'נען? "צדיק עליון וצדיק תחתון"!

קומט אויס, וויבאלד אז מיר לערנען א מאמר פון א צדיק, א מאמר פון א תנא, פון אן אמורא, סיי וואס מ'לערנט, איז אז מען איז זוכה, איז א בחינה ממש אזוי ווי דער צדיק איז נישט קיין 'שכיב', נאר דער צדיק לעבט!

[י] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י"ב אות ג'.

[יא] עי' ליקוטי מוהר"ן שם אות א'.

איז עס טאקע א אנדער לערנען, טאקע דער צדיק וויל הערן ווי אזוי ער לערנט, דער רבי זאגט - ער האט א געוואלדיגע תענוג פון זיין מויל, ער וויל הערן זיינע רייד!

און דער רבי זאגט דארטן אין די תורה, אז אויב דער לערנער איז א רשע, א 'שד יהודי', וויל דער תנא נישט אז ס'זאל ארויסקומען פון זיין מויל זיין תורה! ער וויל נישט! ווארום ס'איז א 'בחינת נשיקין', און דער גמרא זאגט דאך "כל תלמיד חכם שאין בו דעת, נבילה טובה הימנו",[יב] און ווער וויל זיך קושן מיט א נבילה?!

*

ס'איז אווארט דא פונעם חוזה (מלובלין זי"ע), א גוט ווארט, אויף די מדרש (הנ"ל) "כל תלמיד חכם שאין בו דעת, נבילה טובה הימנו", פארוואס איז 'נבילה טובה הימנו'?

האט דער חוזה אזוי געזאגט: די ששה סדרים, 'דעת' איז 'טהרות',[יג] 'חכמה' איז 'קדשים', און דעת איז טהרות, כל תלמיד חכם שאין בו 'דעת', דהיינו אז ער לערנט נישט 'בטהרה', ער איז נישט נזהר אין קיין מקוה, איז 'נבילה טובה הימנו', א מענטש רירט אן א נבילה איז עס דאך א 'טומאה שאינה יוצאה מגופו', אבער 'דער' פגם איז דאך א 'טומאה יוצאה מגופו', איז 'נבילה טובה הימנו', ווייל ס'איז א טומאה היוצאה מגוף! אזוי האט דער חוזה געטייטשט.

קומט דאך דאס אלץ אויס קעגן 'פגם הברית', אז דער מענטש איז ווי אזוי ער איז, אז ער איז נזהר אין 'די' זאך (תורה בטהרה).

*

# 'בראתי תורה תבלין'

קומט אויס אז ווי אזוי ער איז,ביים צדיק איז דאך נישט שייך צו זאגן, דער צדיק וויל דאך אז יעדער איינער זאל לערנען זיין תורה (אפילו אם הוא בבחינת אין בו 'דעת' ח"ו), נאר וואס דען? צוגיין צום לערנען - זאל ער וועלן אז די תורה זאל איהם מטהר זיין!

---

[יב] עי' ויקרא רבה א' ט"ו.

[יג] עי' שבת דף ל"א ע"א.

"בראתי יצר הרע - בראתי תורה תבלין"! ווייסט מען אז ווען מען לערנט די תורה מוז מען זיך היילן!

עס איז נישט שייך אז דער צדיק זאל זאגן; "איך וויל נאר ס'זאל צוגיין צו מיר א צדיק, דער אנדערער נישט"! איז ווי זאל זיך יענער אויסהיילן?! די תורה איז דאך א 'תבלין' פאר יעדן איינעם?! א 'תבלין' איז דאך פשט נישט נאר פארן 'גרויסן', פאר יעדן איינעם איז די תורה א תבלין! און ווי קען זיין מיר זאלן זאגן אז דער תבלין איז נאר פאר גרויסע מענטשן, וואס זאלן טוהן די קליינע מענטשן? די תורה איז דאך א תבלין פאר יעדער איינער, און ווער עס גייט צו צו די תורה, איז די תורה איהם מקבל! נאר וואס דען? די איינע זאך; "דו גייסט זיך רייניגן - זאלסטו וויסן"! ס'איז דא א גראבע יצר הרע, די יצר הרע מאכט דעם מענטשן זייער אומריין, און די תורה רייניגט איהם!

אז ער גייט צו מיט דער כוונה, דעמאלטס 'וויל' די תורה, אדרבה, "איך וויל דיך"!

*

האבן מיר גערעדט אמאל, פארוואס זאגט ער 'תבלין'? זאל ער זאגן 'בראתי יצר הרע - בראתי תורה'! די תורה איז אנטקעגן איהם, וואס איז דאס לשון 'תבלין'?

נאר 'תבלין' איז א מין 'בשמים', האט מען גערעדט אמאל, די אלע מידות רעות גייט ארויס שלעכטע ריחות דערפון, א געוואלדיגע 'ריח רע' ווערט פון די אלע מידות רעות, דארף מען אנטקעגן דעם א בשמים וואס זאל גיבן א גוטן ריח, די ריחות טובות, "איך האב באשאפן א יצר הרע, ער גיבט דאך ארויס 'מידות רעות', ווערט דאך דערפון א געוואלדיגער 'ריח רע', אנטקעגן דעם איז דאס דער תבלין, די תורה איז א בשמים, גיבט זי ארויס גוטע ריחות, און די גוטע ריחות זענען אנטקעגן די שלעכטע ריחות"!

*

# 'ביומוי דרבי שמעון'!

זעהען מיר דאך אלס דערפון, אז מיר קענען נישט זאגן אז דער צדיק זאל נאר וועלן די גרויסע מענטשן, די קליינע מענטשן וויל ער נישט, ער וויל אלעמען! ער וויל אלעמען! איז וואס זאל טוהן דער קלענערער?

איז אויך דאס אייגענע, "בתר דשכיב רבי שמעון, אל תתן את פיך לחטיא את בשרך", קומט אויס אז "בתר דשכיב רבי שמעון", ר' שמעון איז געוועזן דער 'קשת הברית' און דעמאלטס איז געוועזן 'ויגד לכם בריתו', איז געוועזן דער 'דיבור מותר', און אז ר' שמעון איז נסתלק געווארן טאר מען נישט רעדן, וואס זאל מען היינט טוהן? ווער איז היינט דער 'קשת הברית'? ווער קען זיך ארוימען אז ער איז דער 'קשת הברית'? ווער קען זיך בארימען דאס דאזיגע? און אז דער דיבור איז אסור, וואס זאל מען טוהן?!

מוז מען אלס רעדן מיט דער זאך: אז די גדולים, די צדיקים, זיי זענען מודיע אז ס'איז נישט קיין "שכיב רבי שמעון", ס'איז נישט קיין "שכיב רבי שמעון", ס'איז "ביומוי דרבי שמעון"!! (ועל כן הדיבור מותר).[יד]

*

# 'בהאי חיבורא יפקון ביה מן גלותא'

עס שטייט אין זוהר הקדוש,[טו] **בהאי חיבורא דאיהו ספר הזוהר יפקון ביה מן גלותא**', פלעגט מען פרעגן די קשיא, ווער קען דען לערנען זוהר? ווער ווייסט וואס טוהט זיך דארטן? די קליינע מענטשן קענען לערנען זוהר?! קומט אויס אז די זוהר הקדוש איז נאר פאר די גרויסע מענטשן?!

נאר וואס דען, דער זוהר גיבט ארויס אזא מין לעכטיגקייט, אזא מין אור, אז די אור איז משפיע אין יעדעם איינעם! נישט נאר דער וואס ס'לערנט איהם, אפילו דער וואס לערנט נישט דעם זוהר הקדוש, 'בהאי חיבורא דאיהו ספר הזוהר', גיבט ארויס אזא מין לעכטיגקייט, אזא מין סארט 'רוח טהרה' גייט אריין אינעם מענטשן, אין די גאנצע וועלט ווערט פארשפרייט א רוח טהרה דערפון.[טז]

קומט דאך אויס אז רבי שמעון - היינט איז דאך ל"ג בעומר - היינט רעדט מען פון רבי שמעון, ביי די אלע אמת'ע צדיקים איז דאך אזוי, זיי גיבן ארויס אזא מין רוח טהרה, אז אפילו דער וואס לערנט נישט זיינע דיבורים, ער קען גארנישט פארשטיין

---

[יד] עי' ליקוטי הלכות הל' שלוחין ה' אות י"ב.

[טו] עי' זוה"ק פרשת נשא קכ"ד ע"ב.

[טז] עי' ליקוטי הלכות הל' נזיקין ד' אות י"ג.

זיינע דיבורים, ס'איז איהם שווער צו פארשטיין זיינע דיבורים, אבער דער 'רוח טהרה' וואס גייט ארויס פון איהם - דערלאנגט עס יעדן איינעם!

*

עס איז דא א מעשה אין זוהר,[יז] ר' חייא איז געגאנגען צו ר' אלעזר'ן, נאכ'ן הסתלקות פון ר' שמעון, ער איז געגאנגען אויפ'ן וועג.

איז געקומען איינער "רבי חגאי", ר' חגאי איז אויך געווען פון די גרויסע, ר' חגאי, פון די תנאים! איז ער געקומען, זאגט ער איהם, "וואו גייסטו"? "איך וויל אויך גיין צו ר' אלעזר"! זאגט איהם ר' חייא, "איך ווייס נישט, דו קענסט גיין צו ר' אלעזר? ביסטו ראוי צו גיין צו ר' אלעזר"? זאגט ער, "יא"!

שטייט אין זוהר הק', אז ר' אלעזר האט געזעהן ר' חייא'ן מיט נאך איינעם, האט ער נישט געוואלט ארויסקומען, ער האט נישט געוואלט צוגיין צו זיי, אז ער האט געזעהן נאך איינעם האט ער מער נישט געוואלט צוגיין!

הכלל, נאכדעם האט ער ארויסגעשיקט פרעגן א זאך, פרעגן א קשיא זייביידע זאלן ענטפערן, האט ר' חייא נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, און ר' חגאי האט געענטפערט, נישט פאר ר' אלעזר (רק לפני משמשו). הכלל, איז ארויסגעגאנגען ר' אלעזר און ער האט אנגעהויבן צו רעדן, איז געווארן א מין פייער צווישן זיי ביידע, און זיי האבן געמוזט אוועקגיין, מען האט זיי נישט מקבל געווען![יח]

ווערט געבראכט אז ר' שמעון האט מקפיד געווען דערויף, ס'איז שוין געווען לאחר הסתלקותו, ר' שמעון האט מקפיד געווען אויף ר' אלעזר'ן פארוואס ער דערווייטערט מענטשן!

עס שטייט נישט אין זוהר, אבער ס'ווערט געבראכט אז ר' שמעון האט דערויף מקפיד געווען.

ר' חגאי איז געווען א תנא אין די גמרא, "רבי חגאי האט קיינמאל נישט הנאה געהאט פון די תורה"!

---

[יז] עי' זוה"ק פרשת לך דף פ"ט ע"א, בסתרי תורה.

[יח] עי' זוה"ק שם דף צ' ע"א.

"פארוואס ביזטו מרחק מענטשן"?! רבי שמעון איז געווען אזא מין 'טוב לב', און א מין 'רחמן', און ער האט זייער מקפיד געווען, אפילו ער איז נישט געווען ראוי דארטן, אבער ארויסקומען מאכן א פייער אינדערמיט אז ער זאל אוועקגיין?!

*

זעהען מיר אז דער רצון פון די אמת'ע צדיקים איז, אז די תורה הקדושה זאל יעדעם איינעם מטהר זיין, נישטא קיין נפקא מינה, דער אדער דער!

נאר וואס דען? אז ער האט א טינא בלבו און ער האט גארנישט קיין שום רצון (- אז הצדיק לא יכול לקבלו).

זאגט דער רבי אין א תורה:[יט] אזוי ווי איינער עסט א מאכל, אז דער אוכל קען גארנישט ליידן דעם מאכל, מקיא'ט ער איהם אויס, דאס אייגענע שטייט אויף ארץ ישראל, 'ולא תקיא הארץ אתכם',[כ] וויבאלד אז מען האט געזינדיגט מקיא'ט עס אויס, דער רבי זאגט דארט אין די תורה 'ה' יצילנו', ארץ ישראל זאל אונז נישט אויס מקיא'נען!

זאגט דער רבי, דאס איז אלס געראדט געווארן אז ער האט נישט אין זיך קיין שום רצון צום אויבערשטן, ער וויל גארנישט, עפעס א טינא בלב, דעמאלטס מקיא'עט ער איהם אויס אינגאנצן, אזוי ווי א מאכל וואס דער אוכל קען נישט סובל זיין דעם דאזיגן מאכל, מקיא'ט ער איהם אויס אינגאנצן.

אבער טאמער האט ער 'עפעס' א רצון, נאר וואס דען? ער קען נישט נאך אריינגיין, איז אדרבה - נעמט ער איהם צו זיך, און ער איז איהם מקרב, און לאזט זיך פאר איהם אזוי אראפ![כא]

*

[יט] ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ט.

[כ] ויקרא י"ח כ"ח, עיין רש"י שם.

[כא] עי' פרפראות לחכמה תו' ל"ו אות ז'.

# 'דאיתעביד חול בגינייהו'

ס'איז א גמרא, "והוא מחולל מפשעינו", ס'איז א פסוק,[כב] זאגט די גמרא אז ס'גייט ארויף אויף משיח'ן, ער איז 'מחולל מפשעינו',[כג] 'דאיתעביד חול בגינייהו'[כד], ער ווערט 'חול' פאר זיי.

זאגט דער רבי אין א תורה[כה] וואס הייסט ער ווערט 'חול' פאר זיי? 'דאיתעביד חול בגינייהו', משיח ליידט 'מרעין', וואס איז די 'מרעין' זיינע? ער ווערט 'חול בגינייהו', זאגט דער רבי דארטן, דער צדיק אמת האט אזעלכע השגות אלקות וואס ס'איז געוואלדיג אין אלע עולמות, לאזט ער זיך אראפ פון זיינע השגות און גיבט יעדעם איינעם צו פארשטיין, דעם קלענערן (כקטן כגדול), פאר איהם איז עס א געוואלדיגע צער, ער ווערט 'חול'! פון 'קודש' ווערט ער 'חול'!

נאר וואס דען? דאס איז די רצון פונעם אויבערשטן! און דאס איז די 'מרעין' וואס משיח ליידט, 'סביל מרעין'! וואס איז די מרעין וואס ער ליידט? ער נעמט די הויכע השגות און לאזט עס אראפ אויף קליין געלט, ווערט ער 'חול בגינייהו', 'והוא מחולל מפשעינו' איז מלשון 'חול', פון אונזערע פשעים ווערט ער א 'בחינת חול', און לאזט זיך אראפ, נאר וואס דען? דער אויבערשטער וויל אזוי! דאס איז די 'סביל מרעין'!

א צדיק איז טאקע 'סביל מרעין' דערפון, אזוי איז ער 'מטייל בגנזיא דמלכא', אין 'עולם האצילות', דארטן אין השגות אלקות, ווארפט ער אבער אלעס אוועק, און לאזט זיך אראפ צו יענעם, מען דארף יענעם א טובה טוהן! ער קען יענעם נישט א טובה טוהן, סיידן ער מוז זיך אראפלאזן אין דעם צינור וואו יענער איז!

*

דער רבי זאגט אין די מעשה פון דעם 'בערגער ועני', דער בערגער האט געמוזט אריינגיין אין דעם יעדניראל'ס שטוב אריין - דער 'אבי אבות הטומאה' רח"ל, און פון

---

[כב] ישעי' נ"ג ה'.

[כג] סנהדרין דף צ"ח ובפרש"י שם.

[כד] עי' זוה"ק פרשת תצא דף ר"פ.

[כה] ליקוטי מוהר"ן תו' קי"ח.

דארטן ארויסנעמען א נשמה, מוז ער אריינגיין אין דעם צינור פונעם רשע, און צוברעכן דעם צינור, און פון דארטן ארויסנעמען א נשמה, מוז ער דארטן אריין.

דערווייל לאזט ער זיך אריין אין אזא 'מקום טומאה', דערפאר טאקע נישט יעדער איינער איז ראוי ער זאל אריינגיין אין אזעלכע 'מקומות המטונפים', אבער דער וואס ס'גייט יא, אויף איהם איז דאך א געוואלדיגע צער בשעת ער איז דארטן, נאר וואס דען? אז די רצון פונעם אויבערשטן איז אזוי, טוהט ער אזוי!

*

טייטשט דער רבי, דאס איז דער בחינה פון 'סביל מרעין', דאס איז דער 'סביל מרעין' וואס ער ליידט ווייטאגן, משיח צדקינו ליידט דאך ווייטאגן פאר די גאנצע וועלט, ווייל ער לאזט זיך אראפ! אז נישט וואלט די וועלט נישט געקענט האבן קיין קיום, ווען נישט דער 'רוח של משיח' וואס ס'איז דא היינט, וואלט מען בשום אופן נישט געקענט האבן קיין קיום!

און דער רוח של משיח גייט, ס'ווערט נתפשט אין די גאנצע וועלט, און לאזט זיך פאר יעדעם איינעם אראפ, ווי אזוי יענער איז, אין זיינע ווייטקייטן, אין זיינע גראבקייטן, לאזט ער זיך צו יעדעם איינעם אראפ, און דאס איז ער 'סביל מרעין'!

איז דאך אלס פון דאנעט א ראיה אז דער 'משיח צדקינו' וויל נישט קיינעם 'מרחק' זיין! ווייל משיח צדקינו איז דאך א געוואלד! מען קען זיך אויסמאלן זיין גרויסקייט? ער איז דאך געוואלדיג גרויס! נאר וואס דען? ליידט ער 'מרעין', אין זיינע גרויסקייטן לאזט ער זיך אראפ און יעדעם איינעם אריין!

*

דא איז אויך דאס אייגענע, 'רבי שמעון' האט מקפיד געווען פארוואס ביזטו מרחק מענטשן? ס'קומט צו דיר ר' חגאי, די וועלט האט דאך געוואוסט ווער ר' חגאי איז, אמת ר' אלעזר האט געקענט ווייזן א פייער, אבער ער האט געקענט אבער ווייזן ס'זאל זיין קיין פייער צווישן זיי ביידע?! ער זאל יא קענען רעדן מיט זיי ביידע, און נישט מרחק זיין! מיט זיין גרויסקייט האט ער זיי מרחק געווען, ס'האט זיך באוויזן א פייער באמצע, ממילא האבן זיי געמוזט אוועקגיין ביידע!

אבער די רצון פון השי"ת איז נישט אזוי, ווייז נישט ארויס מיט דיין פייער, איך ווייס דו האסט אין דיר א פייער, און אז דו קענסט מאכן א מחיצה, אבער דעמאלטס וויל מען אז דו זאלסט נישט ווייזן א פייער יענער זאל מוזן אוועקגיין פון דיר, דאס פייער פארבאהאלט אויף שפעטער, ווען יענער וועט אוועקגיין, איצטער לאז זיך אראפ צו יענעם! איי פאר דיר איז עס אביסעלע פראסט? איז עס 'סביל מרעין'! 'דאיתעביד חול בגינייהו'!

*

# 'חבלי משיח'

ס'ווערט טאקע געבראכט, 'חבלו של משיח', וואס איז די 'חבלו של משיח'? פשט איז אז 'משיח' האט חבלים! 'חבלו של משיח' פשוט - הייסט אז אלע אידן ליידן 'חבלים', משיח אליין ליידט אויך חבלים! וואס איז זיינע חבלים? דאס איז זיינע חבלים - אז וואס ס'גייט אלס נענטער צו 'התגלות משיח' איז דאך אלס די וועלט גרעבער, די וועלט ווערט מער 'מגושם', מער 'מזוהם', און דאס חיות איז נאר 'רוחו של משיח', מוז ער דאך אריינגיין נאך מער, ליידט ער נאך מער 'מרעין', ווערט ער נאך מערער 'חול'!

אבער דאס איז עס, אָן איהם קען בשום אופן נישט זיין קיין גאולה שלימה, נאר דורך 'רוחו של משיח'! נאר וואס דען, ער איז אזא מין 'טוב עין', אזא מין 'רחמן', אז ער איז מפקיר זיך, אלע זיינע השגות, אז די רצון השי"ת זאל זיך אויספירן!

*

דא איז אויך דאס אייגענע, 'רבי שמעון' איז דער 'קשת הברית', ס'איז דאך געוואלדיג! זיין גרויסקייט איז דאך געוואלדיג גרויס! אבער ער זאגט נישט פשט "אל תתן את פיך לחטיא את בשרך" - אז דו זאלסט נישט לערנען, זאלסט נישט דאווענען, ווייל ווי קען א מענטש אזוי לעבן? אויב "אל תתן את פיך לחטיא בשרך", איז דאך פארמאכט אלע וועגן?! ווי קען איך קומען צו עפעס אז מען פארמאכט מיר די וועג? איך טאר נישט רעדן גארנישט?!

אבער לויט ווי מיר רעדן ארום דא, איז נישט דער פשט אז מען פארמאכט איהם די וועג, נאר אז דו מיינסט אז רבי שמעון האט זיך אויסגעלאזט, אז רבי שמעון איז

געווען נאר 'בימיו', און איצטער איז 'שכיב רבי שמעון' - דעמאלטס איז פארמאכט דאס מויל, האסטו נישט וואס צו רעדן, אבער אז ס'וועט זיין ביי דיר 'ביומוי דרבי שמעון', מ'זאל וויסן אז רבי שמעון לעבט, אז דער 'כח' זיינער איז איצטער אויך דא, דער כח וואס ס'איז ארויסגעגאנגען (ממנו, נמשך גם כהיום, אז תוכל לדבר)!

*

## בנו 'העובד' אותו

עס ווערט געבראכט טאקע אזוי,[כ] אז פון משה רבינו ביז רבי שמעון'ען האט די וועלט געקענט האבן א קיום נאר מיט 'תורה שבנגלה', דאס האט מחיה געווען די וועלט, נאכדעם איז געקומען אז ס'איז געווארן אזא מין סארט 'הסתרה', די אלע תנאים האבן געזאגט בכרם ביבנה "**עתידה תורה שתשתכח מישראל, ואמר רבי שמעון חס ושלום**", איז אויך א קשיא, ער ברענגט א פסוק "**כי לא תשכח מפי זרעו**", 'חס ושלום' - זאגט ער - 'כי לא תשכח מפי זרעו', האבן זיי נישט געזעהן דעם פסוק? זיי זענען דאך אלע געווען תנאים, בעלי רוח הקודש, האבן זיי דאך אלע אויך געזעהן, א פסוק אין די תורה! כי לא תשכח מפי זרעו! דער רבי ברענגט טאקע אז דארט איז מרומז דער נאמען פון רבי שמעון'ען.

נאר דער פשט איז אזוי, די אלע תנאים, יעדער איינער האט געזאגט נאר ווערליג זייערע 'כוחות', זיי האבן געזעהן אז אין די 'תורה שבנגלה' וואס האלט זיך פון משה רבינו ביז איצטער וועט זיין א 'שכחה', מען מוז האבן עפעס א העכערן סארט כח, מיט די העכערע כח וועט נישט זיין קיין שכחה אין תורה שבנגלה!

איז ארויסגעגאנגען דער 'זוהר הקדוש', פון די 'ספר הזוהר' וועט ארויסגיין אזא מין סארט 'כוח' אז ס'וועט נישט זיין קיין 'שכחה'! דערפאר האט 'רבי שמעון' געזאגט טאקע (כי לא תשכח וגו'), ווארן דורך איהם אליין טאקע!

ווארן ביז דעמאלטס איז געווען 'אסור', מען האט נישט געטארט רעדן קיין 'תורה שבנסתר', 'תורה דעתיקא טמיר וסתים' טאר מען גארנישט רעדן דערפון, אז מען

---

[כ] (עי' הקדמת מגיד דבריו ליעקב, ובהוספות מהרצ"א על ספר סור מרע ועשה טוב, ועי' ביאור הליקוטים תו' ע"א תניינא אות ל"ח, ועי' גם במכתב הידוע של ר' געצי מאומאן ז"ל באריכות).

האט געהאט א קיום אָן די תורה (שבנסתר), האט מען גערארפט טאקע נאר נוצן (תורה שבנגלה).

רבי שמעון איז דאך פול מיט תורה שבנגלה, די גאנצע תורה איז פול מיט ר' שמעון'ען? נאר וואס דען - ר' שמעון האט געזעהן אז ס'וועט טאקע זיין א 'שכחה', דארף מען זעהן ס'זאל זיין אזא מין 'כח' ס'זאל נישט ווערן קיין שכחה, טאקע מיט זיין 'כח' טאקע!

דער רבי זאגט טאקע,[כז] אז כ'י ל'א תשכ'ח' מפ'י זרע'ו' איז סופי תיבות 'יוחאי', און 'מפי זרעו' דייקא, מפי זרעו פון דעם וואס איז דא מרומז (רבי שמעון בר יוחאי בעצמו).

זעהען מיר דערפון אלס ארויס, אז יעדער צדיק זעהט אלעם וואס דארף זיך טוהן, ער זעהט אז ס'וועט זיין א געוואלדיגע שכחה און א געוואלדיגע העלמה, א געוואלדיגע הסתרה, זעהט ער צו אראפלאזן זיך, און ער איז זיך אינגאנצן 'מבטל', אינגאנצן זיינע 'השגות' איז ער אלדינגס מבטל.

*

דער רבי זאגט טאקע אזוי,[כח] **"כאשר יחמול איש על בנו העובד אותו"**, א 'עבד' איז דאך א פראסטער עבד, און 'בנו' איז דאך א בנו, זאגט דער רבי אזוי, ער איז א 'בן' - און ער איז א 'עובד', אזוי ווי א פראסטער עבד, דאס איז נאך העכער ווי בחינת בן! **'בן המחפש בגנזיא דמלכא'** - איז ער א 'בן', אבער 'ער' איז א בן און א עבד, ביידע צוזאמען איז דא ביי איהם! ער איז טאקע א 'בן' און ער איז פארט אן 'עובד אותו'! ער איז פארט א פראסטער עבד!

און דאס איז די גרויסקייט פון די צדיקים, זיי אליין זענען א 'בחינת בן', אבער ער זעהט אז אויב ער וועט זיין א בחינת 'בן', ער וועט נאר זיין א 'מחפש בגנזיא דמלכא', וואס וועט דער דור האבן? וועט דער דור אינגאנצן פאלן?! וואס זאלן מיר זאגן? ווי אזוי קענען מיר זיך האלטן ביז משיח, אז דער צדיק איז אזוי 'נעלם מעין כל חי'?!

דער תירוץ איז, ער איז א 'בן', אבער ער איז א 'עבד'! ער זעהט אז אויב ער וועט זיין א בן, וועט גארנישט זיין דערפון, איז טאקע א 'בן' איז ער, אבער ער איז א 'עבד'!

---

[כז] ריש ליקוטי מוהר"ן.

[כח] עי' ליקוטי מוהר"ן תורה ה' תניינא אות ט"ו.

*

# 'קנקן חדש מלא ישן'

(השואל: וואס מיינט דער רבי אז "די צדיקים האבן געמאכט א זאך און ס'האט זיך אויפגעהערט, און זיין זאך וועט זיך נישט אויפהערן", מען זאגט דאך אז רבי שמעון לעבט?)[כט]

אה, דער פשט איז אזוי, נישט פשט ס'האט אויפגעהערט, די אלע תנאים - מיר לעבן דאך פון די תורה שבנגלה, נאך רבי שמעון - אז ס'איז נתגלה געווארן די 'אורייתא דעתיקא סתימאה', וואס איז געווארן? די 'אורייתא דעתיקא סתימאה' האט 'לעבעדיג געמאכט' די תורה שבנגלה! די תורה שבנגלה אליין וואלט ווען נישט געהאט קיין כוחות אז מען זאל עס אויסהאלטן, אבער דורך די 'תורה דעתיקא' איז דא 'תורה שבנגלה' טאקע, האבן מיר א 'חיות' אין 'תורה שבנגלה'!

*

ס'איז געווען טאקע אין די צייטן פונעם בעל שם הקדוש, איז געווען די גאונים, צדיקים, געוואלדיגע מענטשן, א 'נודע ביהודה', ס'איז געווען דער 'פני יהושע', ס'איז געווען געוואלדיגע גאונים צדיקים, וואס הייסט? די וועלט האט פאר זיי געציטערט! אבער דער פראסטער עולם איז געפאַלן, וואס האט געהאט א פראסטער א שייכות מיט'ן נודע ביהודה? ער איז א פראסטער מענטש, וואס האט ער געהאט א שייכות מיטן נודע ביהודה? צו מיט'ן רבי ר' יונתן? וואס האט ער געקענט האבן מיט איהם א שייכות??!

דער בעל שם הק' איז געקומען, האט ער מקרב געווען אלע מענטשן, די שניידער'ס און שוסטער'ס, און א רענדאר, אלע אלע, ער האט זיי אלע ארייינגענומען, האט ער זיי געמאכט 'לעבעדיג' טאקע.

דאס אייגענע איז די כח פון די צדיקים טאקע וואס מיר רעדן דא, די צדיקים זעהען, אזוי ווי די תורה איז אָן א שום לבוש וועלן די פראסטע עולם בשום אופן

---

[כט] עי' חיי מוהר"ן אות מ"ו ואות שע"ג: אָמַר, הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב ז"ל וְכַמָּה צַדִּיקִים עָשׂוּ וְתִקְּנוּ בָּעוֹלָם מַה שֶּׁתִּקְּנוּ, וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁנִּפְטְרוּ וְנִסְתַּלְּקוּ נִפְסַק הַדָּבָר, הַיְנוּ הַהֶאָרָה שֶׁהֵאִירוּ בְּתַלְמִידֵיהֶם וְהֶחֱזִירוּם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לֹא נִמְשַׁךְ מִדּוֹר לְדוֹר רַק נִפְסַק. עַל־כֵּן צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת דָּבָר שֶׁיִּהְיֶה לוֹ קִיּוּם לָעַד. וְכֵן דִּבֵּר עוֹד פַּעַם אַחַת שֶׁצְּרִיכִין לְהַשְׁאִיר תַּלְמִידִים שֶׁאֵלּוּ הַתַּלְמִידִים יַעֲשׂוּ תַּלְמִידִים אֲחֵרִים, וְכֵן הַתַּלְמִידֵי תַּלְמִידִים יָאִירוּ לְהַלָּן יוֹתֵר וְיוֹתֵר וְכֵן לְדוֹרֵי דוֹרוֹת.

נישט קענען האבן קיין שום חיות, זיי האבן נישט קיין שום חיות! זענען זיי זיך מפקיר און לייגן זיך אוועק אינגאנצן, און לאזן זיך אראפ אין אזא מין סארט צינור.

וואס ממש אזוי ווי מען גייט אריין רחמנא ליצלן צום 'יעדניראל', ס'איז א אבי אבות הטומאה, די צדיקים דארפן ארויסנעמען א אידישע נשמה! און דאס איז די רצון פונעם אויבערשטן!

אט דאס איז געווען דער וועג פונעם בעל שם הק' און די צדיקים, האבן זיי טאקע געמאכט לעבעדיג די וועלט!

ס'איז געווען א וועלט פון גאונים, גרויסע גאונים געווען, אבער די וועלט איז געפאלן, זיי האבן נישט קיין שום חיות פון זיי, מען קען זאגן אז א גאון ווי דער נודע ביהודה זאל זיך משפיל זיין לערנען מיט איינעם חומש מיט רש"י? ער האט דאך נישט געקענט! ער איז דאך געווען א גאון עולם! דער בעל שם האט א זאג געגעבן אויפ'ן נודע ביהודה: "אויף דעם דארן יחזקאל שטייט א דריטל וועלט"! ער האט געהייסן ר' יחזקאל - דער נודע ביהודה, ער איז געווען א הויכער מענטש און א דארער, "אויף דעם דאַרן שטייט א דריטל וועלט", ס'איז דאך א געוואלד, א 'שליש', דריי איז א מרכבה, א 'שליש'! א קלייניגקייט?!

אבער דאס איז גערעדט געווארן אלעם אז אין די 'עולמות' איז ער (- גדול מאוד), אבער דא האט מען געזעהן אז די וועלט פאלט, ס'איז אזעלכע גראבע עמי הארצים דעמאלטס געווען, ממש רחמנא ליצלן - זיי האבן נישט געוואוסט וואס הייסט גאר תורה שבנגלה, אין דברים שבינו לבינה - פארגרעבט געווען, מגושם געווען, אז מען האט גארנישט געוואוסט!

דער בעל שם הקדוש האט אויפגעעפנט די זאך, און 'הויך' איז איז ער געוועזן דער בעל שם הק'! זיינע השגות! און ער האט אנגעהויבן צו רעדן מיט די רענדארעס און מיט פראסטע מענטשן! ביים רבי'ן איז דאך אויך אזוי געווען, אראפלאזן זיך!

האבן זיי געמאכט 'לעבעדיג'! איז די 'תורה שבנגלה' וואלט נישט געהאט קיין כוחות זי זאל מאכן אליין לעבעדיג, נאר דורך זיי - האט מען געמאכט לעבעדיג די תורה שבנגלה אויך!

*

(השואל, וואס מיינט דער רבי אז "זיי האבן געמאכט און ס'האט זיך אויפגעהערט", וואס איז דער חילוק פון רבי'ן ביז די אלע פריערדיגע פיר?)[ל]

דאס הייסט אזוי, ס'האט אויפגעהערט - 'אָן דעם' וואלט אויפגעהערט, 'מיט דעם' מאכט מען די פריערדיגע לעבעדיג!

נישט דער טייטש: "א נייע זאך", מען מאכט חלילה א נייע תורה?! מען קען ארויסגעבן עפעס א נייע תורה?! מען קען עפעס מוסיף זיין איצטער אין די תפילין?! די תפילין פון 'רבי עקיבא' מיט 'רבי אליעזר הגדול' מיט 'רבי יוחנן בן זכאי' זענען אנדערש פון אונזערע תפילין?! ס'איז חלילה דא איין 'קוץ' פון א אות, מער ווי ביי אונזערע תפילין'ס?!

דאס אייגענע תפילין! נאר וואס דען? זיי האבן 'לעבעדיג' געמאכט יעדע מצוה! ס'האט א 'חיות' געהאט! יעדע ווארט פון תורה איז געווארן לעבעדיג, און ס'האט זיך אויסגעלאזט! פריער איז געווען אזא חיות פון תורה אליין, אז זיי האבן געקענט לעבן פון תורה שבנגלה אליין, דערנאך איז געווארן אזא מין סארט פאַרשטעלן![לא]

*

[ל] עי' חיי מוהר"ן אות רע"ט: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר מִן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי שֶׁהָיָה חִדּוּשׁ כַּמְפֻרְסָם, הָיָה הָעוֹלָם שָׁקֵט עַד הָאֲרִ"י ז"ל, הַיְנוּ שֶׁמֵּרַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי עַד הָאֲרִ"י ז"ל לֹא נִתְגַּלּוּ חֲדָשׁוֹת כְּמוֹ שֶׁנִּתְגַּלּוּ עַל־יְדֵי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, עַד שֶׁבָּא הָאֲרִ"י ז"ל שֶׁהָיָה חִדּוּשׁ כַּמְפֻרְסָם, וְהוּא גִּלָּה חֲדָשׁוֹת לְגַמְרֵי שֶׁלֹּא נִמְצָא מִי שֶׁיְּגַלֶּה חֲדָשׁוֹת כָּאֵלֶּה עַד הָאֲרִ"י ז"ל. וּמִן הָאֲרִ"י ז"ל עַד הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב ז"ל, הָיָה גַּם־כֵּן הָעוֹלָם שָׁקֵט בְּלִי חִדּוּשׁ, עַד שֶׁבָּא הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב ז"ל שֶׁהָיָה חִדּוּשׁ נִפְלָא, וְגִלָּה חֲדָשׁוֹת. וּמִן הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב ז"ל עַד עַתָּה הָיָה גַּם־כֵּן הָעוֹלָם שָׁקֵט בְּלִי חִדּוּשׁ כָּזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם מִתְנַהֵג רַק עַל־פִּי הַהִתְגַּלּוּת שֶׁגִּלָּה הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב ז"ל עַד הֵנָּה, עַד שֶׁבָּאתִי אָנֹכִי, וְעַתָּה אֲנִי מַתְחִיל לְגַלּוֹת חֲדָשׁוֹת נִפְלָאוֹת לְגַמְרֵי שֶׁעֲדַיִן לֹא נִתְגַּלּוּ עַל־יְדֵי שׁוּם נִבְרָא וְכוּ'.

[לא] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות כ"ו: כִּי זֹאת יָדַעְנוּ שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל כְּבָר אָמַר וְנִתְפָּאֵר (כַּמּוּבָא בְּסֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן) 'אֲנִי קַנְקַן חָדָשׁ מָלֵא יָשָׁן', וְכָל הָעֵצוֹת וְהָעֲבוֹדוֹת אֲשֶׁר יָדַעְנוּ בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, לֹא לְתוֹרָה חֲדָשָׁה יֵחָשְׁבוּ, כִּי כָּל עִסְקֵי רַבֵּנוּ זַ"ל בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים לֹא יִהְיֶה רַק לְחַדֵּשׁ אֶת הַתּוֹרָה הַיְשָׁנָה בִּכְתָב וּבְפֶה אֲשֶׁר הוֹרִישׁוּ לָנוּ אֲבוֹתֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים...

# 'רחל ולאה'

מען האט דאך גערעדט אמאל, 'יעקב' איז (מרמז אויף) 'תורה', רבי נתן רעדט עס אין א הלכה,[לב] עס שטייט אין 'עץ חיים', 'יעקב' איז 'תורה', נאר 'יעקב' איז 'תורה שבכתב', און 'רחל' איז 'תורה שבעל פה', "כרחל לפני גוזזיה", 'תורה שבעל פה'!

דאס ווייסט מען, אז אָן 'תורה שבעל פה' קען מען קיין שום מצוה נישט וויסן, "וקשרתם לאות על ידך", וואס זאל איך נעמען צובינדן? וואס צוקניפן? "טוטפות", א צייכן? נאר דורך 'תורה שבעל פה'! יעקב האט געזעהן באלד, אז אָן 'רחל' וועט ער גארנישט האבן, ער מוז זעהן 'רחל', 'רחל' איז 'תורה שבעל פה', און דעמאלטס וועט האבן די תורה א שלימות! איז עס 'תורה'!

וואס איז ווייטער 'לאה'? 'לאה' איז 'תפילה', "ועיני לאה רכות"! דאס האט אויך געוואוסט יעקב אבינו, אז ער וועט טאקע האבן די 'תורה שבעל פה' בשלימות, ער וועט שוין האבן 'רחל', אלעס איז שוין דא, אבער אויב מען נוצט נישט קיין 'תפילה' פון "עיני לאה רכות", פון אויסוויינען זיך די אויגן, וועט מען נישט האבן די לעכטיגע אויגן אויף די תורה, כאטש מען וועט האבן 'תורה שבכתב' און 'תורה שבעל פה'! איז אזוי ווייט געווען, אז די עיקר שבטים איז ארויסגעקומען פון 'לאה' גאר! זעקס שבטים מיט א טאכטער.

האט ער מצרף געווען 'תורה' מיט 'תפילה', 'יעקב' און 'רחל' - איז 'שלימות התורה', 'לאה' איז 'תפילה', און צוזאמען איז עס 'תורה' מיט 'תפילה'!

איז דער פשט, אז לאה מאכט 'לעבעדיג' די תורה, נישט פשט אז דאס הייסט א 'נייעס', נאר אז דער זאך שלאפט שוין, ס'שלאפט, איך קען נישט, איך פיל נישט קיין חיות, דורך תפילה מאכט עס לעבעדיג! איז טאקע נישט - אז איך מאך אוועק יענץ, נאר איך מאך נאר יענץ 'פריש'!

*

[לב] עי' ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה' אות כ"ט.

# 'המאור שבה יחזירנו למוטב'

דער רבי זאגט טאקע אין די תורה טאקע,[לג] "**להקים ולרומם את הדעת**", דער רבי זאגט אז די 'דעת' שלאפט, ס'שלאפט, מען האט אין זיך א 'מח' אבער דער 'דעת' שלאפט! אויפשטעלן דעם דעת, מאכן דעם דעת לעבעדיג ער זאל נישט שלאפן, איז דורך "שבח הצדיקים", לויבן דעם צדיק!

פארוואס זאגט דער רבי 'להקים ולרומם את הדעת'? איז מען מדייק טאקע אזוי, דער רבי זאגט נישט 'לבוא לדעת', ווייל איך האב דעם דעת, נאר דער דעת שלאפט ביי מיר, מ'דארף נאר "אויפהייבן דעם דעת", עס זאל נישט זיין קיין פארשלאפנקייט!

דאס איז אויך דאס אייגענע, די 'תורה שבנגלה' זאל נישט זיין פארשלאפן, ס'זאל זיין לעבעדיג! איז דאס די פשט אינעם זוהר הק' טאקע, "בהאי חיבורא דאיהו ספר הזוהר יפקון בה מן גלותא", ווייל ער וועט מאכן לעבעדיג די גאנצע תורה אונזערע!

מען זעהט טאקע, אז די אידן וואס האבן א שטיקעלע שייכות צו דעם 'זוהר', איז ביי זיי א אנדערע שטוב, ס'איז ביי זיי א אנדערע פיראכטיק, ס'איז ביי זיי א אנדער לעבאכטיק, ס'איז א אנדערע זאך! ס'לעבט אנדערש![לד]

טאקע די דאזיגע וואס זענען נישט שייכות צו די זוהר הק', זיי זענען ערליכע אידן, אבער ס'איז נישט דאס! דעם 'געשמאקקייט' מיט דעם 'לעב' וואס גייט ארוים פון דעם זוהר הק' - נישט דווקא ווייל ער 'לערנט' איהם, נאר ווייל ער 'גלייבט' אין איהם, ער האט עפעס אן 'המשכה' צו איהם, איז עס אנדערש! ס'איז א אנדערע זאך!

וואס איז א בחינת 'שכחה'? (- עתידה תורה שתשתכח מישראל וכו' כנ"ל), שכחה הייסט דען נאר שכחה ממש? אז איך לערן נישט? 'שכחה' פשוט הייסט אז איך האב נישט דער "געשמאקקייט" פונעם לערנען!

ס'איז דאך א געוואלדיג, די גמרא זאגט "בראתי תורה", 'תורה' איז א 'תבלין' אנטקעגן די יצר הרע! איך לערן תורה, און דער יצר הרע ברענט אין מיר, איך זעה

[לג] ליקוטי מוהר"ן תו' כ"ט הנ"ל באות ב'.

[לד] עי' שיחות הר"ן אות ק"ח, ואות תכ"ב.

נישט ביי מיר ס'זאל מיר אפטרייבן דעם יצר הרע פון מיר, פארוואס איז עס אזוי? ווייל איך האב נישט דעם חיות!

דאס אלעם איז וואס מען רעדט דא פון 'בהאי חיבורא', דעם ספר! דעם לעכטיגקייט פון די אלע, וואס ס'זאל מיר מאכן לעבעדיג דעם תורה, אז ס'זאל טאקע זיין א תבלין א קעגן איהם!

*

מען זעהט טאקע דעם 'שבתי צבי' ימח שמו, געוואלדיגע אפיקורסים געווארן דורך איהם, ס'ווערט געבראכט[לה] ווייל ביי איהם איז געווען תורה נישט בטהרה! געוואלדיגע 'לומדים' זענען זיי געווען, 'לומדים', זיינע חברה האבן געלערנט תורה אָן טהרה, רחמנא ליצלן - איז געווארן די וועלט אפגע'סמ'ט!

דער בעל שם הק' האט געזאגט אז דאס האט איהם געמאכט צוויי לעכער אין הארץ, ער איז נסתלק געווארן דורך זיי! "זיי האבן מיר געמאכט צוויי לעכער אין הארץ"![לו]

און פון וואנעט האט זיך דאס גענומען? פון תורה נישט בטהרה, תורה נישט בטהרה, רחמנא ליצלן - דער אויבערשטער זאל אפהיטן וואס דערפון ווערט!

'תורה בטהרה', (לזכות לזה -) דארף מען שוין לערנען די הייליגע ספרים, דעם זוהר הק', און פון די תלמידי הבעל שם, די אלע הייליגע ספרים, איז דאך כסדר פול!

*

# 'עד הגל הזה'

קומט אויס אז דאס איז די כח פון דעם ל"ג בעומר, איז טאקע אין א הלכה ברענגט רבי נתן דארטן,[לז] יעקב אבינו האט זיך געזעגענט מיט לבן'ען, זיי האבן געמאכט א 'גל', ברענגט דער אר"י הקדוש[לח] 'גל' דאס איז 'ל"ג בעומר', זיי האבן

[לה] עי' מאור ושמש ד"ה "במדרש דבר אחר אמור אל הכהנים".

[לו] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ר"ז.

[לז] עי' ליקוטי הלכות הל' פדיון בכור ה' אות י"ז.

[לח] עי' פרע"ח ספירת העומר פרק ז'.

געמאכט א גל, א קופה שטיינער געמאכט, אז דער גל זאל זיין א 'עדות' אז לבן קען נישט איבערגיין צו יעקב'ן, ער קען נישט איבערגיין 'הגל הזה', האט מען געמאכט א גל פון 'אבנים'.

זאגט רבי נתן אז די 'אבנים' מיינט מען 'רצונות', ווארן מאכן אזא מין 'גל' - א צווישנשייד צווישן לבן און יעקב'ן, אז לבן זאל נישט קענען צוגיין צו יעקב טוהן איהם שלעכס, איז נאר דורך 'אבן שלימה רצונו', וואס מען האט גוטע רצונות!

די ענין פון רצונות איז נאך א זאך וואס די תלמידי הבעל שם ברענגען, א גוטע רצון צום אויבערשטן, דאס קען זיין אפילו ביי א קליין מענטשעלע אויך, ער וויל! ער וויל!

*

מען האט דעם רבי'ן געפרעגט, "וואס האט געהאט אייער זיידע אזוי צוטוהן מיט אייער באבע אדל"? אדל'ע איז דאך געוועזן דעם רבי'נס באבע, די טאכטער פונעם בעל שם, האט מען געפרעגט דעם רבי'ן - וואס האט געהאט אייער זיידע אזוי צוטוהן מיט אייער באבע אדל? געוואלדיג גרויס האט ער געהאלטן פון אדל'ע די טאכטער, ער האט געהאלטן פונעם טאכטער נאך מער ווי פונעם זוהן.

האט דער רבי געענטפערט: **זי איז ארומגעגאנגען מיט א פארבענקט הארץ צום אויבערשטן כסדר, "וואס זאל איך טוהן א זאך וואס דאס זאל זיין דעם אויבערשטן'ס רצון?!"** אזוי האט דער רבי געענטפערט אויף די באבע אדל, זי איז ארומגעגאנגען מיט א פארבענקט הארץ צום אויבערשטן, "וואספארא זאך זאל איך טוהן וואס דאס זאל זיין דעם רצון פונעם אויבערשטן"?![לט]

און דאס איז אזא מין גרויסע זאך, דער ענין פון אזא מין רצון, אז דאס איז די גרויסקייט וואס דער בעל שם הק' האט אזוי געהאלטן פון די טאכטער, ווייל זי האט געהאט אין זיך דעם בענקאכץ צום אויבערשטן!

*

[לט] עי' שיש"ק ח"ב אות ע"ב.

דאס איז אויך די זאך פון דעם כח פונעם צדיק, וואס אפילו די קליינע מענטשעלע, מיר האבן דאס געזעהן אז אפילו די קליינע מענטשעלע, ממש קליינע מענטשן - ער האט עפעס א מין בענקאכץ צום אויבערשטן, 'איי איי איי'.

און דאס איז אלם דער כח פון די לעכטיגקייט פון די זאכן (של ספרי רביז"ל), דאס גיבט אריין עפעס א מין 'רצון', כאטש ער האט נאך נישט קיין 'פעולות' ממש!

*

אז רבי נתן איז געווארן מקורב צום רבי'ן, האט ער געזעהן ביים רבי'ן א ספר 'שבחי האר"י', ער איז דאך געווען גאר פון די מתנגדים, (און איידעם) פון ר' דוד צבי'ן, אלע געווען מתנגדים (היינו כל משפחתו, לכן לא ראה עוד ספר הנ"ל), ער האט געבעטן דעם רבי'ן דער רבי זאל איהם בארגן דעם ספר, האט ער איהם געבארגט דעם ספר, שבחי האר"י!

שטייט דארטן די מעשה פון ר' חיים וויטאל, ער איז געווארן מקורב צום אר"י הק', און ר' חיים וויטאל איז דאך געווען א צובראכענער מענטש זייער, דער אר"י הק' האט איהם זייער משבח געווען, זייער געלויבט און געלויבט, "דו ביזט מדריגת רבי עקיבא"! געוואלדיגע שבחים האט ער אויף איהם געזאגט! (און רבי חיים וויטאל -) וואס ער לויבט איהם מער ווערט ער מער צובראכן, מער צובראכן! האט זיך אנגערופן דער אר"י הק', **"בעיקבתא דמשיחא מיט 'מיעוט פעולות' קען מען קומען צו 'מדריגת רבי עקיבא'"!**[מ]

דארט שטייט נאר מיט 'מיעוט פעולות', פלעגן אונזערע לייט אויספירן 'אבער מיט אסאך רצונות'! **מיט 'מיעוט פעולות', אבער מיט אסאך 'רצונות'!**

*

# לבושין מ'רעותא דלבא'

אין זוהר הק' שטייט אזוי, ס'ווערט געברענגט וואס רבי אבא האט געהערט פון ר' שמעון'ען, אז יעדער מענטש, ער איז דא אין 'דעם עולם' האט ער אזא 'לבוש', אבער

[מ] עי' אבני"ה ברזל אות ט"ז.

דארטן ליגט שוין א לבוש פאר איהם צוגעגרייט, וואספארא מצוות ער האט אזא לבוש האט ער דארט!

אז ער ווערט נסתלק - זאגט דער זוהר הק' - דעם לבוש (של עולם הזה) טוהט מען איהם שוין אוים, דערפאר טאקע איז דער זוהר זייער מפליג מען זאל זעהן וואס גיכער קומען אין קבר אריין, ווייל אויב (ווילאנג) ער קומט נישט אין קבר קען מען איהם בשום אופן נישט אנטוהן יענער לבוש, איז ער ממש א 'ערטילאי', דעם לבוש (של זה העולם) האט מען איהם (שוין) אויסגעטוהן, און יענע קען מען איהם (נאך) נישט אנטוהן, דרייט ער זיך ארום מיט א געוואלדיגן צער!

אז מען זאל וויסן דאס גרויסקייט דערפון וואלט מען קיין שום 'הספדים' נישט געמאכט! אז ער גייט אריין אין קבר ווערט מען צוגעדעקט פון דער וועלט, באקומט מען גלייך 'יענעם לבוש', וואספארא לבוש ער האט, יעדער איינער וואס ער פארדינט זיך! ער האט דאך עפעס א לבוש, ער האט דאך געטוהן מצוות ומעשים טובים, ער האט דאך געפאסט יום כיפור, האט ער דאך א לבוש!

זאגט רבי אבא, ער האט געהערט פון רבי שמעון'ען וואס ער האט געהערט מפי אליהו, **"דער לבוש וואס ווערט פון 'גוטע רצונות' איז העכער ווי דער לבוש וואס ווערט פון 'מעשים'"!** אזוי האט ער געהערט פון ר' שמעון, אזוי שטייט אין זוהר הק' אין צוויי ערטער.[מא]

*

קומט אוים אזוי, אז א לבוש וואס ווערט פון גוטע רצונות - איז גאר אנדערע סארט 'לבושים' ווערן למעלה פון דעם! פארוואס איז אזוי? ווייל רצונות קען מען האבן תמיד, למשל איך פאר קיין ירושלים אויפ'ן 'אוטו', איך קען נישט 'פעולות' האבן דעמאלטס, אבער א 'רצון' קען מען באקומען דעמאלטס! די רצון ווערט נישט נפסק! די רצון קען זיין א רצון! א תמידות'דיגע זאך!

---

[מא] עי' זוה"ק פרשת ויקהל דף ר"י ע"ב.

וואס דען, די רצון אליין דארף אויך האבן א געוואלדיגע שמירה, די רצון אליין וועט זיך נישט האלטן אין מענטש, אז מען טוהט אסאך 'פעולות' קען זיך האלטן די 'רצון', אז נישט ווערט די רצון אויך נחלש![מב]

זעהען מיר אלס פון דעם זוהר הק', ער דעקט אויף אזעלכע זאכענישן וואס ס'איז א געוואלד! וואס מיר וויסן גארנישט דערפון! אז מען האט גוטע רצונות מאכט מען זיך גאר אנדערע לבושים! אנדערע לבושים ווערן למעלה! גאר אנדערע לבושים!

*

# תורת ה'רצון'

ס'איז דא די מעשה מיטן 'תולדות' דארטן, דער תולדות מיט'ן מעזריטשער מגיד, דער עיקר איז דאך נאר דער אויספיר, ס'האט זיך אנגערופן דער תולדות, דער תולדות איז נישט געווען קיין רבי, ער איז געווען דער תולדות! א קלייניקייט?! האט ער זיך אנגערופן צום מעזריטשן מגיד **"איך וויים נאר ווי אזוי א איד דארף האבן א רצון צום אויבערשטן, דאס וויים איך"!** האט זיך אנגערופן דער מגיד, **"אז איר ווייסט פון רצון האב איך פאר אייך קיין תורה נישט"!**[מג]

דער ענין פון 'רצון', דאס איז ביים הויכ'ן סארט, 'רעוא דרעוין', הויך, אבער די רצון איז דא ביים קלענסטן און ביים גרעסטן![מד]

א איד איז זיך מרגיל צו האבן א גוטן רצון, איך וויל! איך וויל! איך מעג (דאך) וועלן! איך וויל! די רצון, אז איך וויל! נאכדעם גייט ער דאווענען - דאווענט זיך אנדערש, ס'לערנט זיך אנדערש, איך וויל! איך וויל! איך וויל! איך גיי אין וועג, איך וויל, איך וויל!

און די רצון טוב - פון דעם ווערט אזעלכע 'לבושים' למעלה, ער האט אזעלכע לבושים - נאך גרעסער ווי פון פעולות. אזוי האט ער געהערט מפי אליהו! רבי שמעון

---

[מב] עי' ליקוטי הלכות הל' ערב ג' אות ח'.

[מג] עי' שיש"ק ח"ב אות ש"ה.

[מד] עי' שיחות הר"ן אות נ"א.

האט געהערט מפי אליהו אז פון 'רעותא טבא' ווערט אזעלכע לבושים, העכערע ווי פון עובדות!

*

און די גוטע רצונות איז אויך דורך די 'צדיקים', זיי רעדן ארום דערפון, און דער ענין פון די גרויסקייט פון 'תפילה', און אריינלייגן די 'כוחות' אין 'תפילה', ממילא באקומט מען גוטע רצונות, א גוטן רצון, און אז מען קומט טאקע צום לערנען - לערנט זיך אנדערש, עס לערנט זיך אנדערש!

ביי א מאכל, אז איינער איז זאט און מען געבט איהם א מאכל, אז ער איז זאט עסט ער נישט, ער איז זאט! (משא"כ) ווען ער האט א בענקאכטץ, ער וויל, איז וואס מען געבט איהם איז ער זיך מחיה דערמיט. (כן בעבודת ה' ירגיל עצמו ברצונות, וכשיזכה ל'פעולות' יחַיה עצמו בזה).

*

[(השואל: פארוואס האט מען נישט געברענגט רבי נתן לקבורה נאך פרייטאג - ולמה איחרו קבורתו כ"כ עד מוצאי שבת?) דאס איז עפעס אנדערש! 'צדיקים' איז עפעס אנדערש, מען רעדט דאך וואס שטייט אין זוהר הק', עס שטייט אין עטליכע ערטער, אז א מענטש קומט 'בו ביום' לקבורה, כמה זאכן וואס ער ווערט ניצול, 'חיבוט הקבר', נאך זאכן ווערט ער ניצול, אז ער קומט בו ביום לקבורה אין ארץ הקדושה, אזוי שטייט אין זוהר, שוין דאס איז א אנדערע זאך, 'גדולים' איז אן אויסנאם].[מה]

דערווייל איז אזוי, מען רעדט דאך א שמועס פונעם ענין פון האבן א גוטן רצון צום אויבערשטן.

*

## 'עד שתחפץ'

דער "גל" וואס שטייט אין די תורה הקדושה "גל הזה", דער 'גל' איז געווארן פון שטיינער, "לקטו אבנים ויעשו גל", זאגט רבי נתן 'אבנים' מיינט מען 'רצונות' גוטע, 'אבן שלימה רצונו', פון די גוטע רצונות ווערט אזא מין 'גל' אז לבן קען בשום אופן

[מה] עי' שו"ע יו"ד סי' שנ"ז ס"ב ובש"ך שם, ועי' ימי מוהרנ"ת סי' ס"ו, ועי' שיש"ק ח"ב אות תרנ"ג.

נישט צוטרעטן! ער האט געמאכט א גל, א צווישנשייד, ער קען נישט צוגיין! ער קען נישט! אלעס פון גוטע רצונות!

דער אויבערשטער זאל העלפן, מען גייט צו צו די גמרא, איך האב א גוטן רצון, ס'איז דאך אזא מין געשמאקייט, ממש אזוי ווי א 'תבלין' שמעקט, 'תורה' איז א 'תבלין'! ס'שמעקט אין מיר!

און ממילא די אלע 'ריחות' פון 'מידות רעות' גייען אוועק פון מיר, אז די תורה שמעקט אין מיר, אזעלכע ריחות טובות האב איך אין מיר, רצון איז א געוואלדיגע זאך, רצון!

*

דער מדרש ברענגט[מ] **"אם תעירו ואם תעוררו את האהבה עד שתחפץ"**, זאגט דער מדרש **'עוד שתחפץ'!**

'אם תעירו' איז א לשון 'שנאה', די אידן רעדן דארט צו די אומות העולם, וואס ווילט איר דא מאכן א שנאה? "את האהבה", די אהבה וואס מיר האבן צום אויבערשטן, "עד שתחפץ" - "עוד שתחפץ", כל זמן עס 'וויל' זיך נאך, כל זמן מיר ווילן נאך דעם אויבערשטן, וועט איר נישט מאכן קיין שום שנאה צווישן אונז!

אזא סארט 'איבערגיין' קען זיין אמאל, אז מען קען נישט טוהן קיין 'פעולות', אבער כל זמן איך 'וויל' נאך, 'כל עוד שתחפץ', וועט אייך גארנישט העלפן! וועט איר נישט מאכן קיין שנאה צווישן אונז אינעם אויבערשטן!

דארף מען וויסן, מרגיל זיין זיך, און בעטן דעם אויבערשטן אסאך, אז מען זאל האבן האלטן דעם 'רצון'! איך זאל וועלן, איך וויל, איך וויל! איך וויל!

און אזוי אז ער קומט טאקע צו א 'דבר שבקדושה', ס'קומט צו 'תורה', ער לערנט סדרי גמרא, איז וויבאלד אז איך וויל דאך, און איצטער האב איך די זאך (בפועל ממש) איז עס מיר געשמאקער! איך וויל דאך, איך וויל דאך דאס!

* * *

[מ] עי' ליקוטי הלכות הל' פדיון בכור ה' אות כ"ז, עפ"י עי' רש"י שיר השירים ב' ז' וג' ה'.

# 'משה עומד בין שמד לרצון'

דער רבי ברעננגט[מז] - דאס האט אויך א שייכות צו ל"ג בעומר - ס'איז א לשון פונעם אר"י הק', משה שטייט "בין שמד לרצון", 'שמד' באטרעפט שמ"ד, 'רצון' איז שמ"ו, 'משה' איז שמ"ה, משה שטייט אינדערמיט, צווישן 'שמד' און צווישן 'רצון'! נעמט ער ארויס די וואס ליגן אין שמד און ער איז זיי מעלה צו רצון!

וואס הייסט ער איז זיי מעלה צו רצון? די וואס ליגן אין שמד, רחמנא ליצלן זיי האבן דאך שמד! שמד האט דאך נישט קיין גבול, שמד, א משומד! נעמט ער איהם ארויס פון שמד, און ער איז איהם מעלה צו רצון, בשעת ער ליגט אין שמד האט ער קיין שום רצון נישט צום אויבערשטן, שטייט משה אינדערמיט און ער נעמט ארויס פון שמד!

דאס איז דער ארבעט פונעם אמת'ן צדיק, ער נעמט ארויס אפילו אזעלכע מענטשן וואס ליגן אין שמד, ממש שמד! נעמט ער איהם ארויס אין גיבט איהם אריין: "דו קענסט אויך וועלן דעם אויבערשטן, דו קענסט נאך אויך וועלן, מיט דיין וועלן וועט דער אויבערשטער האבן א געוואלדיגער נחת רוח פון דיר"!

*

עס שטייט טאקע אין זוהר הקדוש, ביי א קרבן - די 'כהנים' האבן געגעסן די פלייש, די 'מזבח' האט געהאט דארטן די 'אברים ופדרים', וואס האט דער אויבערשטער פונעם קרבן? דער ריח ניחוח לה'! דער "ריח ניחוח שאמרתי ונעשה רצוני", דאס האט דער אויבערשטער פונעם קרבן!

און אזוי יעדע זאך (בכל מצוה), דאס האט דער אויבערשטער! מיר טוהען א מצוה, וואס האט דער אויבערשטער פון די מצוה? דער ריח ניחוח! דעם רצון וואס איך האב! אה, דאס בלייבט! אזוי ווי ביים קרבן - אזוי ביי יעדע זאך, דאס איז דער ריח ניחוח לה'! דאס בלייבט!

[מז] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' רט"ו.

און די רצון - קען מען אזוי פיל ארויסכאפן רצונות, אז איך וויל פארט, איך וויל! און אינגאנצן דער יצר הרע איז נאר - ער וויל נאר אפהאקן פון דעם מענטשן די רצונות!

וואס איז דען טייטש דיווארט 'תאוה'? איז דאך אויך טייטש 'גלוסטן'! ער זאל גלוסטן צו אנדערע זאכן, ער זאל האבן אנדערע רצונות, דאס איז אינגאנצן דער זאך אינגאנצן (שמכנים בו הבעל דבר)!

און די אלע הייליגע ספרים, די תורה הקדושה איז נאר אז איך זאל האבן א גליסטונג צום אויבערשטן, איך זאל וועלן דעם אויבערשטן! אז איך וויל דעם אויבערשטן וויל איך די 'תורה'! "אורייתא וקודשא ברוך הוא כולא חד", ס'איז גאר איין זאך! אז איך וויל דעם אויבערשטן וויל איך שוין לערנען, לערנען 'שלחן ערוך', 'משניות', 'תורה', איך וויל לערנען די 'ספרים'!

יעדע זאך בעט מען דארטן "יהי רצון מלפניך", ס'זאל זיין א 'רצון' פאר דיר, מען לערנט דאך אבות, "בטל רצונך מפני רצונו", אז דו ווערסט מבטל זיין דיין רצון, דו ווערסט נאר וועלן וואס א איד דארף וועלן, ווערסטו האבן א 'רצון מלפניך', 'יהי רצון מלפניך' ס'זאל זיין א רצון פאר דיר, אז איך וועל מבטל זיין מיין רצון, און איך וועל האבן א רצון צום אויבערשטן, וועט זיין יהי רצון, ס'וועט זיין א רצון ביים אויבערשטן צו אונז!

*

# 'עיר וקדיש'

(השואל: וואס ברענגט דער רבי "רבי שמעון איז א ענין אחר"! כ'י ל'א תשכ'ח מפ'י זרע'ו איז בר יוחאי, ר' שמעון בעצמו איז א ענין אחר לגמרי?)[מח]

בשעת דער רבי האט געזאגט די תורה, א התגלות פון ר' שמעון'ען, אז כ'י ל'א תשכ'ח איז סופי תיבות יוחאי, 'מפי זרעו דייקא', 'מפי זרעו של יוחאי', האט זיך אנגערופן ר' נתן צום רבי'ן: "ר' שמעון קער זייער הנאה טוהן, איר האט איהם

[מח] ריש ליקוטי מוהר"ן.

**אזוי וואויל געפונען"![מט] זאגט דער רבי, "רבי שמעון אליין - ע'יר ו'קדיש מ'ן ש'מיא נ'חית"!**

דאס איז א פסוק אין דניאל, א 'עיר' איז א מלאך, ו'קדיש מ'ן שמיה נ'חית, דאס איז ראשי תיבות 'שמעון', 'עיר' איז א וואַכעדיגער, 'וקדיש', דער רבי זאגט, וואס דער מענטש איז מער מקודש איז ער מער ווייט פון שלאף,[נ] 'עיר וקדיש', 'עיר' איז טייטש א וואכעדיגער, 'וקדיש' איז א הייליגער 'קדיש'.

דער רבי זאגט אין ספר המדות - וואס דער מענטש איז מער מקודש איז ער מער ווייט פון שלאף! ווייזט ער אָן דער טשעהרינער רב אונטן 'עיר וקדיש'![נא] וואכעדיג און הייליג! רבי שמעון אליין, 'עיר וקדיש מן שמיא נחית'!

*

אין זוהר שטייט כמה פעמים אזעלכע לשונות פון התחזקות, 'וואויל איז זיי', 'וואויל', מיט לויב, מיט אזא מין ליבשאפט, עס שטייט אלעמאל '**זכאה**' '**זכאה**',[נב] אה, דער אויבערשטער האט א ליבשאפט צו אונז, א געוואלדיגע התקרבות וואס דער זוהר איז מחזק יעדן!

כאטש ער רעדט גרויסע זאכן דארט, די גרויסע זאכן איז א באזונדערע שמועס, אבער דערווייל רעדט ער אזעלכע זאכן וואס פאר יעדן איינעם - עס קוויקט!

נאך האט מען גערעדט אמאל, דער זוהר איז אזוי מחיה דער וועלט, נישט נאר דער וואס ס'לערנט דעם זוהר, די גאנצער וועלט האט חיות פונעם זוהר הקדוש! דער רוח טהרה וואס גייט ארוים פונעם זוהר הקדוש, פון דעם זוהר, פון די הייליגע ספרים, די גאנצע וועלט האט דערפון א חיות!

*

---

[מט] עי' חיי מוהר"ן אות קפ"ט.

[נ] ספר המידות ערך שינה אות א'.

[נא] במראי מקומות על ספר המדות.

[נב] עי' שיחות הר"ן אות ק"ח.

**דער רבי האט געזאגט, ער האט געוואלט מאכן א פירוש אויפ'ן עץ חיים, אבער א פירוש פשוט קען מען דאך נישט מאכן, מוז מען זאגן תורה, זאג איך דאך תורה![נג]**

ס'איז א פלא'דיגע זאך: 'עץ חיים', און דעם רבי'נס דיבורים - איז א פירוש אויף די דיבורים! דער רבי זאגט דאך "איך וויל מאכן א פירוש אויפ'ן עץ חיים - זאגן תורה דאס וועט זיין א פירוש".

אפילו איך ווייס נישט וואס טוהט זיך אין 'עץ חיים', מיט'ן רבי'נס דיבורים האב איך פארענטפערט דעם עץ חיים! ס'איז זייער גוט, "זאג איך תורה, דאס איז א פירוש אויפן עץ חיים"![נד]

*

# 'אוהב נאמן'

צדיקים זענען געווען געוואלדיגע "אוהבי השם", זיי האבן ליב דעם אויבערשטן, אזוי ווי עס שטייט ביי דעם שבח פון אברהם אבינו 'אברהם אוהבי'.

וואס איז געווען זיין אהבה צום אויבערשטן? ער איז געגאנגען אין די גאסן און ער האט געשריגן אז ס'איז דא א באשעפער![נה] און ער האט געהאט א פלטין, א פאלאץ פון פיר טירן, יעדער איינער זאל אריינקומען צו איהם, און ער האט איהם אנגעגעסן און אנגעטרונקען, האט ער געוואלט איהם באצאלן, "ניין, אלעס איז פון אויבן"!

'אברהם אוהבי', וואס איז דער אוהב? דער אוהב איז דער וואס באנוגט זיך נישט מיט זיין 'צדקות', אויב ער באגנוגט זיך נאר מיט זיין צדקות, וויל ער 'זיך' מאכן גוט!

---

[נג] עי' חיי מוהר"ן אות שס"ב.

[נד] עי' חיי מוהר"ן אות שס"ג, ועי' ליקוטי הל' תפילין ה' אות ל"ח: וְהָבֵן הַדְּבָרִים, כִּי עַל פִּי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְהַיּוֹצֵא בָּהֶם הַמְבֹאָרִים בִּדְבָרֵינוּ, תּוּכַל לַעֲשׂוֹת לְךָ דֶּרֶךְ לְהָבִין מְעַט מִזְּעֵיר בְּדַרְכֵי הַקַּבָּלָה שֶׁל הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ והאריז"ל לְהוֹצִיא מֵהֶם דְּרָכִים וְעֵצוֹת לְמַעֲשֶׂה, עַל פִּי הַקְדָּמוֹת נוֹרָאוֹת וְעֵצוֹת אֲמִתִּיּוֹת שֶׁל דִּבְרֵי תּוֹרָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ ז"ל, שֶׁכָּל תּוֹרָה וְתוֹרָה וְכָל מַעֲשֶׂה וּמַעֲשֶׂה הִיא פּוֹתַחַת שְׁעָרִים רַבִּים שֶׁל הַשָּׂגַת אֱלֹקוּת, שֶׁעַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִין לְהָבִין גַּם כָּל דַּרְכֵי הַקַּבָּלָה, אִם תִּזְכֶּה לִשְׁקוֹד עַל תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה יוֹם יוֹם בִּשְׁקִידָה רַבָּה.

[נה] עי' חיי מוהר"ן אות שצ"ה.

אן 'אוהב נאמן' צו דעם קיסר הייסט - אז ער וויל 'גיבן' דעם אויבערשטן אסאך, נישט נאר איך אליין!

דעם אויבערשטען אן אוהב נאמן - 'אברהם אוהבי', ער האט אלעמען מקרב געווען צום אויבערשטן, געוואלדיגע מלחמות האט ער דעמאלטס געהאט, נמרוד האט געשריגן אז ער איז דער אפגאט! האט אברהם געשריגן אז ס'איז דא א באשעפער! און נמרוד זאגט אז ער איז דער אפגאט, ער האט געהאט געוואלדיגע מלחמות!

אבער 'אברהם אוהבי', ס'איז מיין ליבהאבער, ער האט מיך, איך בין פריער געווען נאר 'אלקי השמים', ער האט מיך געמאכט פאר 'אלקי הארץ'![נו] ער האט מיך געמאכט פאר אלקי הארץ, דאס איז די אמת'ע צדיקים!

*

ס'שטייט טאקע אין חיי מוהר"ן,[נז] איינער האט געבארגט געלט, פאר די גאנצע וועלט האט ער געבארגט געלט, ס'איז געקומען דער זמן הפרעון, מען באצאלט איהם נישט, מען גיבט איהם נישט אפ.

איז געקומען איינער, ער האט איהם אפגעבראכט דעם חוב, (אמר לו המלוה:) "וואס האב איך אז די ברענגסט מיר אפ דעם חוב? גיי צו יעדעם איינעם, זאל מיר יעדער איינער 'עפעס' גיבן, עפעס, וועל איך דאך האבן א געוואלד! אז דו גיבסט מיר אפ דעם חוב - ער איז געווען א גרויסער צדיק האט ער אפגעגעבן דעם גאנצן חוב - גיי, האב נישט אינזין נאר זיך, גיי צו יעדעם איינעם, זאל יעדער איינער מיר עפעס אפגיבן, וועל איך דאך האבן א געוואלדיגע סכום"!

דאס איז די אמת'ע צדיקים, זיי ווייסן אז ער וועט זיך אפרייסן פון זיינע השגות, נאר אפראטעווען מענטשן, ער וועט ברענגען צום אויבערשטן מענטשן, זיי וועלן עפעס צאלן, וועט דאך יעדער איינער עפעס צאלן!

איי, דערווייל (לכאורה מפסיד הצדיק מהשגותיו)? עס שטייט טאקע אז נאכדעם צאלט איהם דער אויבערשטער, נאר דערווייל רייסט ער דאך אפ דער צדיק! מען גיבט

---

[נו] עי' רש"י בראשית כ"ד ז'.

[נז] עי' חיי מוהר"ן אות תמ"ז.

איהם אפ פאר די צייט וואס ער האט דערוויל מבטל געווען אויף צו רעדן מיט מענטשן, דער אויבערשטער באצאלט איהם, ער גיבט איהם אפ זיינס, ער באקומט זיינס צוריק!

*

# 'בריתי שלום'

עס שטייט טאקע אין זוהר פון פנחס,[נח] אז בשעת פנחס האט גע'הרג'עט זמרי בן סלוא, ס'איז געווארן אוים מגיפה, רחמנא ליצלן ס'איז געווען א כליה אויף אלע אידן, און ער האט איינגעהאלטן דער מגיפה, פריער איז געווען משה - ער איז געווען דער 'ברית' פונעם אויבערשטן, משה רבינו! אבער אז פנחס האט אפגעטוהן די זאך, דער אויבערשטער האט געוואלט אוועקגעבן די 'ברית' פנחס'ן! אז ער האט געטוהן אזא מין זאך, קומט איהם! האט דער אויבערשטער געזאגט, ווי קען איך (אוועק) נעמען (הברית וליתנו לפנחס)? ס'איז דאך משה'ס?! ווי קען איך איהם צונעמען און אוועקגעבן איהם?!

האט דער אויבערשטער אנגעהויבן צו לויבן פנחס'ן, זאגט משה צום אויבערשטן, 'רבונו של עולם, וואס מיינסטו דערמיט, וואס דו לויבסט איהם"? לויבט ער איהם ווייטער, זאגט משה צום אויבערשטן, "וואס מיינסטו דערמיט וואס דו לויבסט איהם"? (אמר הקב"ה למשה), "איך וויל פון דיר א זאך, דו זאלסט איהם אוועקגעבן דעם ברית, איך האב איהם דיר געגעבן, גיב איהם אוועק"! עס שטייט אין זוהר, רבי פנחס בן יאיר האט עס געזאגט.

זאגט ער, "לכן אמור", 'זאג אזוי', דער אויבערשטער זאגט צו משה, "זאג אזוי, 'הנני' איך גיב איהם אוועק דעם "ברית שלום"! א טייטש פון רבי פנחס בן יאיר! "זאג אזוי, הנני, איך גיב איהם אוועק דעם ברית שלום! ואף על פי כן, כאטש משה האט אוועקגעגעבן, איז עס נאך געבליבן ביי משה"! ער גיבט א משל דארטן, אז מען צינדט אן א לעכט פון אנדערע לעכט, בלייבט ווייטער א לעכט!

איז דער אמת'ער צדיק איז אזוי איבערגעגעבן, אז די רצון פון אויבערשטן איז אזוי, "נאדיר אוועק, איך גיב דיר אוועק, נאדיר, איך גיב דיר אוועק דעם ברית שלום"!

---

[נח] עי' זוה"ק פרשת פנחס דף רי"ט ע"א.

זיין ביים אויבערשטן א ברית שלום! א ברית שלום! (הלא גדול הוא מאוד, אבל אם כך הוא רצונו ית' עושהו תיכף), זעהט מען אלס ארוים די אהבה וואס צדיקים האבן צום אויבערשטן, אז איך גיב זיך אוועק אינגאנצן פאר דיר! דיין רצון איז אזוי, איך גיב איהם אוועק! - - - (חסר הסוף)

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **נפתלי שווארץ** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת נכדו למזל טוב** | מוה"ר **יצחק אלטר פיש** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת נכדתו למזל טוב** | מוה"ר **מנחם דוד וועבער** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחות נישואי נכדו - והולדת נכדתו למזל טוב** | מוה"ר **נתן האבערפעלד** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת נישואי בנו למזל טוב** |
| החתן **יונה צבי הערצאג** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת נישואיו למזל טוב** | מוה"ר **שמעון האס** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | מוה"ר **דוד שווארץ** הי"ו<br>בארא פארק יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | הבה"ח **מרדכי יואל אטיאס** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**ימלא ה' כל משאלות לבבו לטובה** |